גליון ו׳ שנה א׳

פרשת צו- שבת הגדול
תשפ״ו

# בחור׳ל

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: וויאזוי איז מען זוכה צו א פרייליכע יום טוב ?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

איך האב געליינט א בריוו וואס איר האט געשריבן ווי אזוי מ׳קען האבן א פרייליכע יום טוב, דאס האט מיר זייער איבערגענומען, צו זען ווי אזוי מ׳קען זיך צוגרייטן צו א יום טוב מיט רואיגקייט און שמחה, א גרויסן יישר כח.

איך האב געוואלט בעטן אויב איר קענט שרייבן נאך איבער די גרויסקייט פון פסח, ווי אזוי מ׳קען זיך צוגרייטן צום יום טוב ווי עס דארף צו זיין פון א רוחניות׳דיגע שטאנדפונקט. און אויך אויב איר קענט שרייבן ווי אזוי מ׳דארף זיך אומגיין מיט׳ן רייניגן לכבוד פסח, ווי אזוי מ׳קען דאס טון אויף א נארמאלן אופן, נישט מיט קיין משוגעת׳ן. יישר כח.

### תשובה

לכבוד .... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

#### שמחה פארברענט קליפות

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו זיין שטענדיג פרייליך; ווען א מענטש איז פרייליך פארברענט ער אלע קליפות און זיי קענען נישט האבן קיין שליטה אויף אים, ווייל די גאנצע זאך פונעם ס״מ איז עצבות און מרה שחורה, וויינען און קלאגן, מה שאין כן ביים אייבערשטן שטייט (דברי הימים-א טז, כז): **״עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ״**, עס הערשט א שמחה; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת ל:): **״אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה״**, דער אייבערשטער רוהט נישט ביי איינעם וואס איז טרויעריג, נאר ביי א מענטש וואס איז פרייליך; ווען א מענטש איז פרייליך איז ער ביי די קדושה און אזוי אויך פארקערט, ווען א מענטש איז בעצבות איז ער ביי די טומאה. דאס איז די וועג ווי אזוי א מענטש קען זיך מעסטן וואו ער האלט אויף דער וועלט.

#### שמחה היט פון עבירות

דערפאר דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף שמחה, ווייל דאס איז דער שליסל צו אלע מדריגות און צו אלע הייליגקייטן. ווען א מענטש דינט דעם אייבערשטן מיט שמחה, היט אים דער אייבערשטער אפ פון אלע שלעכטס און דאס איז א שמירה אויף פגם הברית, אזוי ווי עס שטייט (תהילים קד, לד-לה): **״אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה׳, יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם״**, ווען איך פריי זיך מיטן אייבערשטן איז: **יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ** - איז מער נישט דא קיין עבירות (עיין ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן קסט).

#### פסח גייט מען ארויס פון די טמאה

בפרט ווען מיר גרייטן זיך צו דעם גרויסן יום טוב פסח ווען מען איז זוכה ארויס צו גיין פון די טומאה, ווייל פסח גייט דאך יעדער איד ארויס פון גלות מצרים אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פסחים קטז:): **״חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם״**, דארף מען נאכמער מתפלל זיין אויף שמחה, ווייל אין די זעלבע צייט קומט דער יצר הרע און זוכט ווי אזוי ער קען אויפרעגן דעם איד, ווי אזוי ער קען אים אוועק גנב׳נען זיינע מדריגות און זיינע קדושות, ער זוכט ווי אזוי ער קען מאכן אז דער טאטע זאל זיך אויפרעגן אויף

די קינדער, אדער מאן און ווייב זאלן זיך צעאנפערן וכו'.

## פסח גייט מען ארויס פון די טמאה

דערפאר דארף מען האבן ישוב הדעת און געדענקען נישט צו שרייען און זיך אויפרעגן אויף די שטוב; מענטשן מיינען אז 'שטויב איז חמץ און קינדער זענען די קרבן פסח. מוהרא"ש פלעגט זאגן: "מען דארף געדענקען ווען מען מאכט פסח'דיג אז שטויב איז נישט קיין חמץ און קינדער זענען נישט קיין קרבן פסח", אזוי אויך דארף מען געדענקען אז א משהו כעס איז מדאורייתא און א משהו עצבות איז חמץ גמור - אויף דעם העלפט נישט קיין ביטול א גאנץ יאר.

## זיך פרייען מיט די מצוות

מען דארף זיך פרייען מיט די מצוות בפשיטות, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב, סימן יב): **"וְעִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת"**, דער עיקר אידישקייט איז ווען מען פירט זיך פשוט אן קיין חכמות.

## לא נתנה תורה למלאכי השרת

דער רבי איז געווען זייער שטארק קעגן חומרות (עיין שיחות הר"ן, סימן רלה) ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה ג.): **"אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו"**, נאך זאגן חז"ל (ברכות כה.): **"לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת"**, דער אייבערשטער האט נישט געגעבן די תורה פאר מלאכים נאר פאר אונז מענטשן לויט דעם וועג ווי אזוי מיר קענען דאס מקיים זיין; דאס איז לגבי סתם חומרות, אבער אפילו אויף דאס וואס שטייט פון די פריערדיגע (עיין בספר חרדים, פרק סא) אז יעדער איד זאל נעמען א מצוה וואס אין דעם וועט ער זייער מקפיד זיין און מחמיר זיין מיט אלע הידורים וכו', אזוי ווי מען זעט אין די גמרא (שבת קיח:): **"אֲבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי וְכוּ'"**, מיט דעם אלעם זאגט דער רבי אז מען מיינט נישט צו זאגן אז דער מענטש זאל ארײנלייגן אין די מצוה חומרות פון שטות, שגעון און מרה שחורה, מען מיינט נאר צו זאגן אז ער זאל נעמען איין מצוה וואס אין דעם מצוה זאל ער מדקדק זיין אן קיין נארישע חומרות. הלוואי זאלן מיר זוכה זיין צו מקיים זיין אלעס וואס דער אייבערשטער זאגט אין די תורה בפשיטות, ווייל דער עיקר אידישקייט איז תמימות ופשיטות, מען זאל זיך פרייען מיט די תורה ומצוות; עיין שם.

## חומרות אום פסח

אפילו לגבי חומרות אום פסח האט דער רבי נישט געהאלטן אז מען זאל מקפיד זיין מיט חומרות וואס ברענגט מרה שחורה; דער רבי האט דערציילט אז ווען ער איז געווען יונג און ער האט נאכנישט געוואוסט דאס שעדליכקייט פון חומרות וכו' איז ער אויך אריין געפאלן אין דעם. ווען עס איז געקומען דער יום טוב פסח האט ער נישט געוואוסט וואס צו טון; יעדעס מאל איז אים אריינגעקומען נאך און נאך חומרות, ביז איין מאל האט ער געטראכט צו זיך: 'וואס טוט מען צו האבן ריינע וואסער אויף פסח, ווי אזוי קען איך אכטונג געבן צו האבן ריינע וואסער אויף פסח אן קיין חשש חמץ?' דעמאלט איז געווען די סדר אז מען פלעגט אנשעפן וואסער פאר גאנץ פסח, אבער דער רבי האט געטראכט אז דאס איז נישט אזוי אויסגעהאלטן ווייל מען קען נישט אפהיטן די וואסער פאר דעם גאנצן יום טוב אז עס זאל נישט צו קומען צו דעם קיין משהו חמץ, ביז דער רבי האט געטראכט אז דאס בעסטע וואסער וואלט ווען געווען "קוואל וואסער", ווייל א קוואל האלט דאך אין איין קוועלן פרישע וואסער כסדר אן קיין שום חשש חמץ. אבער דארט וואו דער רבי האט געוואוינט איז נישט געווען קיין קוואל וואסער, האט ער געטראכט אוועק צו פארן מיט די משפחה אויף יום טוב צו א פלאץ וואו עס איז דא א קוואל, אזוי שטארק זענען געווען זיינע חומרות אויף פסח; האט דער רבי אויסגעפירט: "אבער ברוך השם אז היינט דארף איך נישט קיין חומרות, היינט ווייס איך אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר מענטשן און נישט פאר מלאכים, היינט פריי איך זיך מיט די מצוות אליינס".

## אלע מדריגות קומט דורך שמחה של מצוה

אז מיר שטייען יעצט פאר אזא הייליגע יום טוב דארפן מיר אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זיך פרייען מיט די מצוות, אזוי ווי דער הייליגער אריז"ל האט געזאגט (עיין הקדמת ספר חרדים) אז ער איז צוגעקומען צו אלע זיינע מדריגות נאר צוליב דעם וואס ער האט זיך געפריידט מיט די מצוות פונעם אייבערשטן, אפילו מען זאל אים געבן די גאנצע געלט פון דער וועלט וואלט ער נישט אוועק געגעבן קיין שום מצוה.

אז א איד פריידט זיך מיט די מצוות איז א סימן אז ער האט א ריינע אמונה און ער האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות שמחה א) **"כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו"**, ווען א מענטש פריידט זיך מיט די מצוות וואס ער טוט, איז א סימן אז דער מענטש איז אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# בין הזמנים

הדרכה פאר בחורים אין די בין הזמנים טעג

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### די בעסטע פלאץ איז אין בית המדרש

לכבוד.... נ"י

**וואו געפינט מען דעם אייבערשטערן?**

טייערער ליבער תלמיד, פיר זיך מיט יראת שמים, דריי זיך צווישן די פיר ווענט פון ישיבה, און אויך יעצט 'בין הזמנים' זאלסטו זיך דרייען נאר אין שול, דארט איז די בעסטע פלאץ; די אלע וואס האבן אויסגעניצט זייערע יונגע יארן מיט לערנען אין ישיבה - די האבן זייער מצליח געווען אין לעבן, און נעבעך די אלע בחורים וואס האבן זיך געלאזט איבער רעדן פון נישט גוטע חברים איבער צו לאזן די פיר ווענט פון ישיבה און גיין זוכן אזוי גערופענע גליקן - די אלע האבן נישט מצליח געווען. ווייל אין ישיבה און אין שול - דארט געפינט זיך דער אייבערשטער, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (שיר השירים רבה ה, ב), אויפן פסוק (שיר השירים ה, ב): ""**אֲנִי יְשֵׁנָה וְלִבִּי עֵר**', **אֲנִי יְשֵׁנָה מִבֵּית הַמִּקְדָּשׁ**", אבער "**וְלִבִּי עֵר לְבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת**", אפילו מיר האבן נישט היינט קיין בית המקדש איז אונז געבליבן די ישיבות, די שולן; דארט קען מען געפינען דעם אייבערשטן.

**דער יצר הרע ארבעט שווער**

איך בעט דיר ליבער תלמיד, אויך יעצט אין די 'בין הזמנים' טעג זאלסטו זיך נאר דרייען אין שול, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות טז.): "**מַה נְּחָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה**", אזוי ווי מען גייט אין טייך ווערט מען אויס טמא, מען ווערט טהור, "**אַף אֹהָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת**", אזוי אויך אז מען גייט אין שול, אפילו מען איז פארשמירט מיט נארישקייטן, די קאפ ליגט אין שלעכטע זאכן - ווערט מען ריין, מען ווערט **מְלֵאִים מִצְוֹת**, אנגעפילט מיט מצות; און טאקע ווייל מען קען זוכה זיין אין שול, אין ישיבה, אין כולל - צו ווערן אנגעפילט מיט מצות - פארלייגט זיך דער יצר הרע אויף בחורים און אינגעלייט זיי אוועק צו שלעפן פון ישיבה, פון כולל - און זיי ארייננוווארפן אין עבירות, זיי זאלן איבערלאזן די שול, איבערלאזן די ישיבה.

**לערן אויפ'ן קול**

איך בעט דיר זייער, דריי זיך נישט אין גאס, דריי זיך נישט אין נישט גוטע פלעצער, דריי זיך נאר אין ישיבה, און יעצט 'בין הזמנים' ווען עס איז נישטא ישיבה - זאלסטו זוכן א שול וואו דו קענסט לערנען אן ווערן געשטערט. מאך זיך א הויפן ספרים, נעם א חומש, משניות, גמרא, שלחן ערוך, תהלים, און נאך - און לערן מיט א ניגון אויפן קול, און אפילו דו וועסט נישט פארשטיין אלעס אין אנהייב - זאלסטו ווייטער לערנען; ווייל אזוי גייט עס, אין אנהייב איז שווער צו פארשטיין, אבער ביים סוף עפנט זיך אויף די קאפ און מען הייבט אן פארשטיין.

### בין הזמנים קענסטו מער לערנען ווי א גאנצע זמן

לכבוד.... נ"י,

**'משנה אותיות נשמה'**

טייערער ליבער תלמיד, יעצט אין די טעג פון 'בין הזמנים' קענסטו זוכה זיין נאך מער צו לערנען ווי א גאנצע זמן. מאך זיך א ציל וואס דו ווילסט לערנען און ענדיגן, דאוון שחרית פרי, עס פת שחרית און זעץ זיך לערנען בהתמדה רבה; הייב אן מיט לערנען משניות, לערן יעדן טאג אכצן פרקים משניות, דאס וועט דיר מטהר זיין דיין נשמה, עס שטייט פון צדיקים אז משניות רייניגט די נשמה, '**מִשְׁנָה**' **איז די אותיות** '**נְשָׁמָה**' (באר היטב אורח חיים הלכות השכמת הבקר, סעיף קטן ו), אין אנהייב וועסטו נישט פארשטיין יעדע ווארט, אבער קוק נישט אויף דעם, דו זאג די ווערטער, דאס וועט דיך רייניגן פון אלע שלעכטס, משניות נעמט אראפ אלע פלעקן וואס איז איינגעגעסן אינעם מענטש.

**מאך זיך א שיעור אין ש"ס**

נאכדעם זאלסטו זיך מאכן א שיעור אין ש"ס, לערן בלעטער גמרא, דאס וועט פארברענען אלע קליפות. דדער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ריד), 'תלמוד' באטרעפט אזוי ווי די קליפה וואס ווארפט אראפ דעם מענטש אין עבירות, און אז מען לערנט תלמוד בבלי, מען לערנט גמרא - פארברענט מען אלע קליפות.

**א וועג צו לערנען**

דער רבי' זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו), עס איז גוט מען זאל זיך צוגעוואוינען צו לערנען שנעל און נישט מדקדק זיין צופיל בשעת מען לערנט, נאר זען צו פארשטיין דעם פשטות הפשט, און אויב מען פארשטייט נישט זאל מען נישט פארברענגען אסאך צייט אויף דעם ענין, ענדערש זאל מען גיין ווייטער, און אז מען לערנט אסאך וועט מען שפעטער פארשטיין וואס מען האט פריער נישט אזוי גוט פארשטאנען, און דער רבי' זאגט דארט ווייטער אז אפילו מען פארשטייט גארנישט זאל מען זאגן די ווערטער, און ביים סוף וועט מען פארשטיין; מען זאל נישט ווערן צעבראכן ווען מען זעט אז מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט, וואס דאס אליינס - אז מען וויל גלייך פארשטיין - מאכט אז עס זאל זיין שווער צו פארשטיין דאס לערנען, נאר מען זאל בלויז זאגן די ווערטער כסדרן און מען וועט שוין פון זיך אליינס פארשטיין, און אויב מען פארשטייט נישט דעם ערשטן מאל, וועט מען עס פארשטיין ביים צווייטן מאל; און אויב מען וועט נישט פארשטיין דעם צווייטן מאל איז אויך גארנישט, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן, אז א מענטש זאל קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, און דערנאך זאל ער לערנען צו פארשטיין, ווייל

# בריוו פון דער ראש ישיבה

אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעל, קען מען זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך; מען איז זוכה איבערצוגיין יעדע זאך זייער אסאך מאל, ביז מען איז זוכה דאס צו פארשטיין.

רבי נתן זאגט דארט אז דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פונעם דרך הלימוד, אז מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין גלייך ווען מען לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין, ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין.

## מיט דרך הלימוד קענסטו לערנען כל התורה כולה

רבי נתן זאגט דארט אז דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פונעם דרך הלימוד, אז מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין גלייך ווען מען לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין, ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין.

ווען מען לערנט אויף דעם סדר דרך הלימוד איז מען זוכה אנצוקומען אסאך מער ווי ווען מען לערנט שטייט און מען קלערט אריין אין יעדע ווארט, וואס דאס שטערט נאר דאס לערנען, און זייער אסאך מענטשן האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען צוליב דעם וואס זיי האבן געלערנט און געקוועטשט וכו', אבער אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעלערהייט – אזוי ווי אויבן דערמאנט, וועט מען זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך; מען וועט לערנען די גאנצע תורה – גמרא מיט אלע פוסקים, תנ"ך מיט אלע מדרשים, און זוהר הקדוש, אזוי ווי דער רבי האט געוואלט, אז מיר זאלן דורך לערנען כל התורה כולה.

## גיי נישט ליידיג און היט דיין מח

לכבוד...

איך הער זייער גוטע גריסן אויף דיר פון דיין מגיד שיעור שליט"א, ער זאגט מיר אז דו האסט אנגעהויבן לערנען פלייסיג; דו לערנסט משניות און דו פירסט זיך מיט דרך ארץ.

### דאס ערגסטע איז גיין ליידיג

יעצט קומט די טעג פון 'בין הזמנים', זאלסטו זיך אכטונג געבן נישט צו גיין ליידיג, ווייל די ערגסטע זאך איז גיין ליידיג. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (כתובות נט.): "**הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה**", גיין ליידיג ברענגט צו עבירות, "**וְלִידֵי שִׁעֲמוּם**", און עס ברענגט צו ווערן א נערוועז קראנקער מענטש, דער אייבערשטער זאל אפהיטן צו וואס מען קען צוקומען דורך גיין ליידיג.

### פארברען נישט דיין מח

אדער גייסטו אין שול לערנען, אדער דאווענען, אדער העלפסטו דיינע עלטערן, אדער נעמסטו עפעס אן ארבעט; נאר נישט גיין ליידיג, נאר נישט בטל'ען די צייט, און זיכער נישט נעמען א קאמפיוטער, טעבלעט, טעלעפאן און זיך פארברענען די מח השם ישמרינו. קוקן קליפס, מאוויס, ווידיאוס – ברענגט מען זאל ווערן א חולה נפש, מען באקומט ענקזייעטי', פאניק אטאקעס, פחדים; אלעס קומט פון קוקן עבירות רחמנא לצלן.

### דער אייבערשטער איז דא אויך אין בין הזמנים...

איך בעט דיך זייער מיין ליבער תלמיד, האלט ריין דיינע אויגן, האלט ריין דיין מח, אויך יעצט 'בין הזמנים' איז דער אייבערשטער דא; היט זיך – וועט דער אייבערשטער דיך היטן, אז דו וועסט זיך היטן די אויגן פון קוקן שלעכטס – וועט דער אייבערשטער דיך אפהיטן פון שלעכטס; דער אייבערשטער זאגט (ירושלמי ברכות א, ה): "**אִי יָהֲבַת לִי לִבָּךְ וְעֵינָךְ**", אויב דו וועסט מיר געבן דיין הארץ מיט דיינע אויגן, "**אֲנָא יְדַע דְּאַתְּ לִי**", ווייס איך אז דו ביסט מיינער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## בין כותלי הישיבה

**דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, סימן ה'): "ועיקר לשמור מוחו שלא יחמיץ" – דער עיקר איז אכטונג צו געבן אויפן מח עס זאל נישט ווערן קיין חמץ. עס שטייט דאָך אין זוהר הקודש (פרשת פנחס): "קנה חי"ת תשבר ותעשה ממנה ה"א, ותעשה מאותיות חמץ – מצה, היינו שלא תחמיץ חכמתך". חמץ און מצה האבן כמעט די זעלבע אותיות (ביידע האבן א "מ" און א "צ"), און דער חילוק צווישן א "ח" און א "ה" איז דאך אויך נאר א קליין פינטעלע. דאס דארף מען טון: צוברעכן דעם חמץ, דאס נעגאטיוו, דאס קוקן שלעכטס, און אריינברענגען ביי זיך די מצה – צו זען אז אלעס איז גוט.**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**

**212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|10|1|118**

## קורץ און שארף

**פאזיטיוו איז "פה זה טוב"...**

**דא איז מיר גוט!**

**נעגעטיוו איז "נגד טוב"...**

**ביי יענעם איז גוט!**

(ראש ישיבה שליט"א אין א שיעור)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן | מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370